## Health & Lifestyles



**LIGHT THE NIGHT:** Hailey Blum, 5, left, and Kacie Smith, 7, cut off their ponytails at the Leukemia and Lymphoma Society of Canada (LLSC) so that the hair could be turned into wigs for cancer patients. The 'big cut' was in honour of Hailey's younger sister, Melanie, who lost a battle with cancer two years ago. Both girls will also participate in LLSC's October 2 annual walk, LIGHT THE NIGHT. For more info, call 416-585-2873 or click on www.lightthenight.org/toronto.



**SCHOOL SHOFARS:** Grade 5 Netivot HaTorah Day School students Aryeh and Rachelle and their teacher Tali Monsonego concentrate on their cutting skills as they make their own shofars for Rosh Hashanah with the assistance of Chabad's Rabbi Yonah Vilenkin.

[Rebecca Ansel photo]



**BLOWING THEIR OWN HORNS:** Grade 6 students at the Downtown Jewish Community School thank Rabbi Nechemia Deitsch, left, of Chabad of Midtown for conducting a shofar factory for their class.




# YIDDISH CORNER

Edited by: ALEK SILVER

# יידיש־ווינקל

רעדאַגירט פֿון: אַלעק סילווער

## כּל־נדרי — די שענסטע און די טראַגישסטע תּפֿילה

פֿון אַלעק סילווער

כּל־נדרי איז נישט נאָר די הייליקסטע, נאָר אויך די שענסטע און טראַגישסטע תּפֿילה לויט איר געשיכטע און אינהאַלט. זי ציט צו אַחוץ גלויביקע מתפּללים, אויך אַ סך ליבהאָבער פֿון מוזיק און געזאַנג, וועלכע קומען אין די בתּי־תּפֿילה צו הערן דעם האַרציײַסנדיקן ניגון, וואָס פֿאַרכּישופֿט מיט זײַן צויבער פֿון ווייטיק און טראַגיק.

אַ סך וועלט־באַרימטע מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָרן ווי ראַוועל, היידען, דעביוסי, בערג און אַנדערע האָבן געשאַפֿן וואָקאַל־אינסטרומענטאַלע ווערק באַזירט אויף כּל־נדרי. אַזוי אַרום איז די ייִדישע תּפֿילה געוואָרן וועלט באַרימט. און וואָס דריקט זיך אויס איר קראַפֿט און שיינקייט?

כּדי אויף דעם צו ענטפֿערן מוזן מיר אַריבערגיין צו איר אינהאַלט און געשיכטע. דאָ קומען מיר צו אַן אינטערעסאַנטן קוריאָז. די אײַנדרוקפֿולסטע ייִדישע תּפֿילה וואָס וועקט ביי די צוהערער טיף־עטישע געפֿילן און רעאַקציעס, איז לויט אינהאַלט גאָר ווייט פֿון מאָראַלישער טענדענץ. מען קען אפֿילו זאָגן, אַז אָפּגעריסן פֿון דער צײַט און פֿון די באַדינגונגען אין וועלכע זי איז געשאַפֿן געוואָרן, איז זי אוממאָראַליש.

די תּפֿילה הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „כּל־נדרי”, וואָס באַדייט אַלע נדרים. אויף מאַמע־לשון זאָגט מען אַלע נײַדערס, שבֿועות, צוזאָגן, פֿאַרפּליכטונגען, וואָס מענטשן נעמען אויף זיך, מוזן זיי און דאַרפֿן זיי ווערן אויסגעפֿירט.

נישט נאָר דער גלויביקער ייִד ווייסט, אַז קיין נדר טאָר מען נישט ברעכן. אויך דער וועלטלעכער האַלט אַזוי. אַפֿילו גלויביקע פֿון אַנדערע רעליגיעס האַלטן פֿון דעם זעלבן באַגריף, אַז אַ צוזאָג איז אַ צוזאָג און דאַרף נישט געבראָכן ווערן.

די תּורה פֿאָדערט קאַטעגאָריש קיין מאָל נישט צו געבן קיין נדר, אויב מען קען אים נישט פֿאַרווירקלעכן. כּמעט יעדער מענטש ווייסט, אַז ס'איז עקלהאַפֿט צו ברעכן אַ געגעבן וואָרט, אַ גענומענע אויף זיך אויפֿגאַבע. די פֿאָלקס־חכמה דריקט עס אויס אין אַ קורצן מאָראַלישן זאַץ: „אַ וואָרט איז טײַערער פֿון געלט”. עס איז נאָך צו געדענקען אין די אַלטע צײַטן, ווען קיין פֿאַפּירענע קאָנטראַקטן האָבן נאָך נישט עקזיסטירט, איז כּמעט יעדער מסחר אָפּגעשטימט געוואָרן מיט געבן זיך די הענט און געבן דאָס וואָרט.

אין דער תּפֿילה „כּל־נדרי” איז פּונקט פֿאַרקערט. די מתפּללים בעטן גאָט, אַז אַלע זייערע נדרים, צוזאָגן און שבֿועות, וואָס זיי וועלן געבן אין משך פֿון יאָר, זאָלן נישט האָבן קיין שום באַדײַטונג. כּאָלד ביים אָנהייב פֿון יאָר האָבן זיי אַ הייליקע בקשה צום אייבערשטן, ער זאָל מבֿטל מאַכן און אַנולירן אַלע זייערע פֿאַרפּליכטונגען, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געגעבן געוואָרן. ווערט טאַקע אין דער תּפֿילה געזאָגט: „אונדזער שבֿועה איז קיין שבֿועה נישט, אונדזער צוזאָג איז נישט קיין צוזאָג, פֿון הײַנטיקן יום כּיפּור ביזן קומענדיקן יום כּיפּור”.

די מוזיקאַלישע באַגלייטונג צו דער כּל־נדרי תּפֿילה שטיצט זיך אויף דער לעגענדע וועגן דעם מאַרטירער־טויט פֿון שפּאַנישן מאַראַן, דאָן מאַנועל דע טעקסײַראַ. נישטאָ נאָך אַזאַ שיין מוזיקאַליש־רעליגיעז ווערק, ווי כּל־נדרי. עס איז די שיינקייט פֿון פּרייען, מענטשלעכן געדאַנק, וואָס קיין שום קייטן קענען נישט באַצווינגען.

מיר ווינטשן אַלע מתפּללים אַ גרינגן פֿאַסט־טאָג און אַ פֿאַרגעבונג פֿאַר אַלע חטאים.